#8

# בליצן

נטרונא
True Torah Jews

מאמענטאלע
נייעס
פון נטרונא

פרשת ויקרא תש״ע לפ״ק

True Torah Jews • 183 Wilson Street, suite 162 • Brooklyn NY 11211 • Tel: (718) 841-7053 • Fax: (718) 504-4513

# דיפלאָמאַטישע רוגזה צווישן אַמעריקע און איזראַעל גרייכט ערגסטן שטאַפל אין יאָרן, צוליב באַליידיגונג צום וויצע פרעזידענט

**גאָר ערנסטער קריזיס פאַראורזאַכט דורך אָרטאָדאָקסישן אידן, פאַר אָרטאָדאָקסישע אידן, און ווערט געשטיצט דורך אָרטאָדאָקסישע גרופעס, אין נאָמען פון אידישקייט; איבערבויאונג פון חורבת ר' יהודה החסיד און לענדמאַרקינג פון מערת המכפילה רייצט אויף אַראַבישע וועלט**

**פרעצעדענטלאָזע התגרות באומות וואָס איז אַזוי שטאַרק געבינדן צום ערליכן אידענטום ברענגט געפערליכער חילול ה' און סכנה פאַר ערליכע אידן איבער די וועלט**

## נטרונא נעמט אונטער מאַסיווע מידיאַ קאַמפּיין אין די טעג אָפּצושלאָגן נעגאַטיוון איינדרוק אויף כלל ישראל

**וואַשינגטאָן** – עס איז שוין לאַנגע יאָרן וואָס מ'געדענקט נישט אַזאַ אָנגעצויגענע לאַגע צווישן וואַשינגטאָן אין מדינת ישראל, ווי דאָס וואָס גייט איצט אָן. די באַציאונגען צווישן די צוויי לענדער, און די ווערטער אויסטוישן וואָס ווערן גענוצט – וואָס אין כללי הדיפּלאָמאַטיע קען דאָס זיין ערגער ווי וואָפנס – האָבן דערגרייכט פרעצעדענטלאָזע שטאַפּלען, צוליב אומ'אחריות'דיגע אויפפירונגען פון מדינת ישראל. איבערהויפּט איז איצט דער מצב זייער מסוכן און שעדליך פאַר ערליכע אידן, וויבאַלד אידן און אידישקייט זענען איצט דער מקור און די סיבות פונעם גאַנצן קריזיס, און דער פאַקט ווערט גאָר שטאַרק צופויקט און אַרויסגעברענגט דורך די וועלט מידיאַ און דורך די באַטראָפענע מלוכה פירער, אַריינגערעכנט דורך פרעזידענט אָבאַמאַ אַליין.

דער איצטיגער קריזיס – וועלכער איז ענטשטאַנען ווען דער חרדי'שער אינערן מיניסטער אלי ישי האָבן געשפּיגן אין פּנים אַריין די אַמעריקאַנער רעגירונג מיט אַ טיפע דיפּלאָמאַטישע באַליידיגונג קעגן וויצע פרעזידענטביידען ביים באַזוכן אין זייער לאַנד – איז דער לעצטער פון עטליכע שטרייטן אין מיטל מזרח, וועלכע זענען חלילה אומשטאַנד אויפצורייסן דעם פּולווער פאַס, און אַלע פון זיי שפּילן פרומע אידן אַ צענטראַלע, אויב נישט אויסשליסליכע ראָלע. צווישן די אַנדערע לעצטע קאָנפליקטן וואָס זענען שאַרף אַראָפּגעריסן געוואָרן אין די וועלט, און זיי ווערן געזען אַלס מעגליכע שוועבעלעך אונטערצוצינדן דעם פּראָבלעמאַטישן ראַיאָן, איז די שטאַרק פּובליצירטע איבערבויאונג פון די חורבת ר' יהודה החסיד אין אַלט שטאָט ירושלים, רייבערייען נעבן דעם קבר פון שמעון הצדיק וואו פרומע אידן האָבן צוגענומען הייזער פון אַראַבער, און די פּלענער צו באַצייכענען די מערת המכפילה און קבר רחל אַלס איזראַעלישע לענדמאַרקס.

דער לעצטער אינטיפאַדאַ, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַ טעראָר ציקל וואָס האָט גענומען יאָרן, עס האָט געקאָסט גאָר אַסאַך אידישע נפשות, און האָט אַריינגעברענגט אַן אומרואיגקייט און שרעק ביי אַלע איינוואוינער, האָט זיך אויך אָנגעהויבן פון טשעפּען מיט אַלט שטאָט און דעם הר הבית. אָבזערווירער וואָרענען אַז די לעצטע שריט צו טוישן דעם שטאַטוס פון מקומות הקדושים און אַלט שטאָט קענען זיין די לעצטע פונקען אויפצורייסן דעם פאַס. און ליידער גייט דאָס אַלעס אונטער'ן נאָמען פון רעליגיע, הייליגע ערטער וואו פרומע אידן ווילן צוקומען, און מ'זעט כסדר אידן מיט בערד אויף די בילדער פון די געשלעגן.

דאָס באַפעסטיגט דעם מיינונג איבער די וועלט אַז פרומע אידן זענען דער גרעסטער שטער צו שלום און מיטל מזרח, און זיי זענען די ראַדיקאַלסטע ציונים וועלכע הייצן אָן די געמיטער.

נטרונא, וועלכע אַרבעט כסדר אָפּצושלאָגן דעם שלעכטן אימעזש וואָס ציונים פאַראורזאַכן פאַר כלל ישראל, און צו צייגן פאַר די וועלט אַז ערליכע אידן זענען נישט קיין עקסטרעמע עלעמענטן און זענען שאַרף קעגן די ווילדע קריגערישע שריט פון די ציונים, פּלאַנט די טעג אַ מאַסיווע פּובליק רילעישאָנס קאַמפּיין אָפּצושלאָגן דעם התגרות באומות וואָס גייט בעיקר אויף'ן קאָנטע פון חרדי'ישע אידן. כדי עס זאָל דערגרייכן די נויטיגע אַפעקטן, פעלט אויס פינאַנציעלע הילף פון אחינו בני ישראל אחים לדעה צו דעקן די הויכע הוצאות פון אַ דערפאָלגרייכן גענוג פאַרשפּרייטן קאַמפּיין.

# דער שפּיי אין פּנים פונעם רעליגיעזן מיניסטער

דער לעצטער דיפּלאָמאַטישער קריזיס האָט אויסגעבראָכן ווען וויצע פּרעזידענט דזשאָוביידען האָט באַזוכט אין איזראַעל. בנוהג שבעולם, אפילו ביי לענדער וועלכע האָבן נישט די בעסטע באַציאונגען, אַז ווען אַזאַ הויכראַנגיגער דיפּלאָמאַט קומט באַזוכן שטעלט מען זיך אַהער העפליך, און דורכאויס דעם באַזוך באַהאַלט מען די דיפערענצן.

ווי באַוויסט, האָט די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע האָט מיט עטליכע חדשים צוריק אָפיציעל ערלעדיגט ביי איזראַעל אָפּצושטעלן אַלע בויאונגען אין די אָקופּירטע געביטן, און לויט זיי שליסט עס אויך אַריין מזרח ירושלים. זיי זעען דאָס אַלס קריטישער באַדינג צו קענען צוריק צוזאַמענברענגען די צוויי זייטן צו געשפּרעכן. עס איז געווען ערוואַרטעט אַז כאָטש ביז ביידען פאַרלאָזט דעם ראַיאָן זאָלן די איזראַעלים נישט מאַכן קיין פּראָבלעמען, און ציינן אַז זיי האַלטן זיך צו די פאַרשפּרעכונג.

אָבער קעגן אַלע דיפּלאָמאַטישע כללים - און טראָץ וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן איז נותן לחמם צמרם ופשתם, און קעמפט פאַר זיי אויף די אַלוועלטליכע אַרענע - האָט אינערן מיניסטער אלי ישי, דער פירנדער חבר הכנסת פון די פרומע ש"ס פּאַרטיי, אַרויסגעגעבן אַ דעקלעראַציע אינמיטן ביידען'ס וויזיט אַז מ'וועט בויען 1,600 נייע דירות אין רמת שלמה, אַ חרדי'שע געגנט אין מזרח ירושלים.

דאָס איז געווען אַ מיאוס'ער שפּיי אין פּנים די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע. ביידען האָט זאָפאָרט פאַרדאַמט די דעקלעראַציע, און ספּעציעל די צייט ווען עס איז געמאָלדן געוואָרן. פריער אין טאָג האָט ער זיך דערקלערט אָפּטימיסטיש אַז איזראַעל וועט איינפירן די בויאונג אין די זידלונגען, און דאָ האָט מען אים אַזוי מיאוס צונאַר געלייגט און אָפּגעפּאַטשט.

אין וואַשינגטאָן איז מען געוואָרן טיף באַליידיגט פון דעם שריט - וואָס מ'זעט אַלס ספּעציעל אויסגערעכנט צו צייגן פאַר די אַמעריקאַנער אַז מען פייפט זיך אויס אויף זיי – און אין די וועלט פּרעסע איז עס שאַרף אַראָפּגעריסן געוואָרן. זינט דאַן איז ענטשטאַנען אַ טיפע רוגזה צווישן די צוויי לענדער, און וואַשינגטאָן האָט אָפּגערופן אַ באַזוך פון דזשאָרדזש מיטשעל, דער ספּעציעלער מיטל מזרח שליח צום ראַיאָן.

אויסערן מיניסטאָרשע קלינטאָן האָט אין אַן אינטערוויו באַצייכנט דעם שריט אַלס "באַליידיגענד." אויף דעם פּרעזידענט'ס נאָנטסטער ראַטגעבער, דער אידישער דעוויד אַקסעלראַד, האָט געזאָגט אַז דאָס איז אַ באַליידיגונג און אָנגרייף, און ער האָט געזאָגט אַז דאָס זעט אויס "אויסגערעכנט."

די דעקלעראַציע איז אַ שטאַרקער מוסטער פון איזראַעל'ס שטאָלצקייט און אומאויסגערעכנטקייט, אפילו ווען דאָס ברענגט זיי גאָרנישט קיין פאַרדינסטן. די זעלבע דעקלעראַציע וואָלט געקענט פּאַסירן אַפּאָר טעג שפּעטער, און ס'וואָלט פאַרמיטן אַ וועלט שטורעם. אָבער אַממערסטן טוט ווי אַז אַלעס ווערט צוגעשריבן צום קאָנטע פון די פרומע אידן.

טאָמאַס על. פריעדמאַן, אַ באַרימטער ניו יאָרק טיימס קאָלומניסט וועלכער איז געבוירן אין איזראַעל, איז אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפן לייט-אַרטיקל אונטער'ן קעפּל: "דרייוון שכור אין ירושלים." אינעם אַרטיקל קריטיקירט ער וויצע פּרעזידענט ביידען פאַר נישט איבעררייסן זיין באַזוך נאָך ישי'ס דעקלעראַציע. ער טענה'ט אַז ביידען האָט געדאַרפט דערקלערן פאַר איזראַעל: "ענק דרייוון שכור. ענק מיינען אַז ענק קענען באַליידיגן ענקער איינציגסטער עכטער פאַרבינדעטער אין די וועלט..."

פריעדמאַן באַריכטעט אויך אַז מיטשעל האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַן אָפּמאַך מיט די איזראַעלישע רעגירונג אַז אפילו מ'בויעט, וועט עס זיין אָן קיין דעקלעראַציעס באַגלייט. גיי פרעג ישי'ן וואָס עס וואָלט פּאַסירט ווען די געגנט ווערט ווען אויסגעברייטערט אָן קיין סטעיטמענטס?

אפילו נאָכ'ן איינזען דעם קריזיס וואָס זיי האָבן אָנגעוויירטשאַפט, און פּרובירן עס צו פאַרגלעטן, האָבן די איזראַעלים געטאָן פרישע אומדיפּלאָמאַטישע שריט וועלכע פאַרשטערקערן דעם ריס. הייינט – דאָנערשטאָג פּרשת צו – איז געוואָרן באַריכטעט אַז אויסערן מיניסטאָרשע קלינטאָן איז באַליידיגט אַז נתניה טעלעפאָנירט איר נישט צוריק. קלינטאָן האָט פאָריגע וואָך פאַרלאַנגט פון נתניה צו הערן אַן ענטפער וועגן די בוי פּלענער, און די סטעיט דעפּאַרטמענט האָט ערוואַרטעט אַ טעלעפאָן רוף דעם מיטוואָך, בעפאָר קלינטאָן האָט אונטערגענומען אַ רייזע קיין מאָסקווע.

וויצע פּרעזידענט ביידען האָט אפילו טעלעפאָנירט נתניה אים צו שטופּן צו מאַכן דעם טעלעפאָן רוף, אָבער דער דל גאוה האָט עס נישט געטאָן. ערשט נאָך וואָס אין די וועלט פּרעסע איז געדעקט געוואָרן די פרישע באַליידיגונג פון די איזראַעלים, האָט נתניה דאָנערשטאָג אָווענט זיך פאַרבינדן מיט קלינטאָן. נאָך זיבן מאָל אים זאָגן, כאַפּט כאָטש נתניה אויפן וואונק צו פּרובירן צו פאַרגלעטן די ריסן וואָס זענען ענטשטאַנען, אָבער דער פרומער ישי כאַפּט דאָס אויך נישט.

# אַלעס טייטעלט אויף די פרומע

דער קריזיס, וואָס איז דאָס ערגסטע אין יאָרן, איז ווי געזאָגט דאָס מאָל פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אַ רעליגיעזן מיניסטער. און דאָס ווערט זייער שטאַרק אַרויסגעברענגט אין די וועלט פּרעסע, און יעדער וואַרפט אויף אים די שולד, אַריינגערעכנט ביבי נתניה און פּרעזידענט אָבאַמאַ.

די נתניה רעגירונג, וועלכע האָט איינגעזען אַז זיי האָבן איבערגעצויגן דעם שטריקל, שרייען חי וקים אַז זיי האָבן גאָרנישט געוויסט דערפון און אַלעס האָט ישי געטאָן על דעת עצמו. אַן איזראַעלישער באַאַמטער אין וואַשינגטאָן איז געוואָרן ציטירט אין די פּרעסע אַז: נתניה איז געווען איבעררעאַשט פון די מעלדונג פונעם אינערן מיניסטער. די נתניה רעגירונג האָט גאָר געלאָזט הערן אַז זיי האָבן פאַרגעהאַלטן ישי פאַר'ן טאָן אַזאַ זאַך אָן עס פריער איבערשמועסן מיט זיי.

אויף פּרעזידענט אָבאַמאַ האָט דעם מיטוואָך, אין אַן אינטערוויו מיט פאַקס ניוס, געטייטעלט אויף ישי'ן: "די זאַכן וואָס דער איזראַעלישער אינערן מיניסטער (ישי) האָט געטאָן, האָבן נישט געהאָלפן צום פּראָצעדור..."

די איזראַעלישע 'הארץ' צייטונג האָט אין אַ לענגערן אַרטיקל אָנגעוויזן אַז אין די אַלע לעצטע מיטל מזרח קאָנפליקטן און שפּאַנונגען צווישן איזראַעל און אַמעריקע, איז שולדיג די נתניהו'ס קאָאַליציע פּאַרטנערן דער שפּראַבערישער אביגדור ליבערמאַן, פון די ישראל ביתינו רוסישע פּאַרטיי, און דער אולטראַ-אָרטאָדאָקסישער ש"ס מיניסטער.

זיי באַצייכענען ישי אַלס אַן "עקסטרעמער רעכטער..." זיי שרייבן דאָרט אַז ישי "זיצט אויף אַ פּאַס דינאַמיט," אָבער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן צו די מעגליכע קאָנסקווענצן פון זיינע שריט.

נישט בלויז וואָס דער פאַראורזאַכער פונעם קריזיס איז אַ פרומער, נאָר די וועלט פּרעסע שטרייכט אויך אונטער אַז אַלעס איז געטאָן געוואָרן פאַר פרומע אידן.

←

די ניו יאָרק טיימס טייטעלט אויף ישי. פּאָלגענד איז וואָס עס שרייבט פריעדמאַן, וועלכער ווערט פאַררעכנט אַלס אַנגעזעענסטער אויסערן פּאָליטיק קאָמענטירער: "דער שריט זעט אויס צו זיין אַ טייל פון אַ קאָנקורענץ צווישן צוויי פון נתניה'ס רעכט ספרד'ישע מיניסטאָרן פון די רעליגיעזע ש"ס פּאַרטיי איבער ווער עס קען זיין דער גרעסערער טשאַמפּיאָן פון בויען הייזער פאַר ספרד'ישע אָרטאָדאָקסישע אידן אין מזרח ירושלים. עס איז אַ מעסטער וויפיל איזראַעל נעמט אונזער שטיצע ווי פאַרזיכערט, און ווי אָפּגעהאַקט דער איזראַעלישער רעכטער לאַגער איז פון אַמעריקע'ס סטראַטעגישע געברויכן."

לויט דעם שרייבער האָט ביידען פאָרגעהאַלטן די איזראַעלים, אַז נישט בלויז וואָס זיי שטערן דערמיט זייערע אייגענע שאַנסן פאַר פרידן, נאָר דערמיט שעדיגן זיי די אַמעריקאַנער אינטערעסן: "עס גראָבט אונטער די זיכערהייט פון אונזערע טרופּן וועלכע קעמפן אין איראַק, אַפגאַניסטאַן און פּאַקיסטאַן. עס שטעלט אונז אין געפאַר און עס שטעלט אין סכנה דעם רעגיאָנעלן פרידן."

דאָס איז בלויז איינע פון די ביישפּילן ווי עס ווערט אַרויסגעברענגט דער פאַקט אַז די דעקלעראַציע האָט געמאַכט אַ רעליגיעזער מיניסטער, פאַר אַ געגנט וואו עס וואוינען פרומע אידן. **דאָס ציגט פאַר די וועלט אַז די אַלע פּראָבלעמען קומען פון פרומע אידן, און זיי זענען שולדיג אין די פאַרערגערטע לאַגע** - וואָס ווי ביידען האָט אָנגעוויזן שטעלט עס אין געפאַר אַמעריקאַנער אינטערעסן און טרופּן אינעם ראַיאָן. נאַטורליך אַז דאָס דערצערנט זייער שטאַרק אַלגעמיינע אַמעריקאַנער.

אין די צייט וואָס נתניה שפּורט זיך געדרוקט, און האָט זיך שוין אפילו טעלעפאָנירט צו אַנטשולדיגן אויף די געשעענישן, האָט די ש"ס פּאַרטיי אָנגעהויבן אַ געפערליכע העצערייע קעגן פּרעזידענט אָבאַמאַ, אין וועלכע זיי שרייבן אַז ער איז אַ אַנטיסעמיט.

דאָס פאָלגט נאָך אַ פרישער קריזיס וואָס נתניה איז אויסגעשטאַנען, ווען זיין שוואָגער האָט מיטוואָך דערקלערט אין אַן אינטערוויו אַז פּרעזידענט אָבאַמאַ איז אַן "אַנטיסעמיט." הגאי בן ארצי האָט געזאָגט פאַר די אָרטיגע ארמיי ראַדיאָ אַז אַן "אַנטיסעמיטישער פּרעזידענט האָט איבערגענומען אַמעריקע" און מיר דאַרפן ווייזן אַז "מיר וועלן נישט אויפגעבן."

דער שוואָגער – ווייזט אויס אַ שטיקל רעליגיעזער, אָדער נוצט ער רעליגיעזע רעטאָריק - האָט געזאָגט אַז ירושלים איז אַלץ געווען די אידן'ס הויפּט שטאָט, און "מיר וועלן נישט אויפגעבן אפילו קיין מילימעטער." ער האָט צוגעלייגט אַז אָבאַמאַ האָט פיינט די מענטשן פון איזראַעל, ווייל "פאַר צוואַנציג יאָר איז אָבאַמאַ געזעצן מיט גלח רייט, וועלכער איז אַנטיסעמיטיש, אַנטי-איזראַעל און אַנטי-אידיש." בן ארצי האָט אויך געזאָגט אַז נתניה ווייסט גאַנץ גוט אָבאַמאַ'ס אַנשויאונגען. "דאָס איז אַ פּראָבע צייט פאַר אונז, זיך נישט צו בייגן צו אים, און זאָגן אַז אַנטיסעמיטיזם וועט נישט געווינען."

**...די אַלע געשעענישן, שמעקן זייער ענליך צו די טעג איידער די צווייטע אינטיפיאַדאַ האָט אויסגעבראָכן, און אין אַ געוויסן זין איז עס איצט נאָך ערגער, וויבאַלד די אַמעריקאַנער זענען איצט באַליידיגט ווי זיי זענען שוין נישט געווען לאַנגע יאָרן...**

נתניה האָט זיך אַנטשולדיגט, און זיך אָפּגעטרייסלט פון די ווערטער. אָבער אַ טאָג דערויף איז די אָפּיציעלע ש"ס צייטונג, 'יום ליום' אַרויסגעקומען מיט פיל ערגערע פּאַרלוימדונגען קעגן אָבאַמאַ, צולייכנדיג אים צו "די פּאַלעסטינער יוגענטליכע שטיינער וואַרפער".

אינעם אַרטיקל, שרייבט דער רעדאַקטאָר פון די אָפּיציעלע ש"ס צייטונג, אַז אָבאַמאַ איז "אַ פּראָדוקט וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם ראַדיקאַלן איסלאַם." ווייטער שרייבט ער אַז אָבאַמאַ איז אַ מוסלעמענער. ער טרייבט אויך שפּאַס פון אָבאַמאַ'ס פּאַלנדע פּאָפּולאַריטעט, און אַז "דער פאָלק אין אַמעריקע קלאַפּט זיך על חטא" פאַר אים ערוועלן.

דער אַרטיקל – וואָס איז געוואָרן איבערגעדרוקט און צושמירט דורך די פרייע פּרעסע, און עס ווערט אויך איבערגעטייטשט אויף ענגליש – וועט ווערן פאַרשפּרייט איבער די וועלט, און וועט חלילה ווייטער צו גיסן אויל צום פייער פון שנאה קעגן פרומע אידן, און ווייטער אָפּמאָלן דעם בילד אַז זיי זענען שולדיג אין די פּראָבלעמען פונעם מיטל מזרח.

## פרומע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס האַלטן פאַר אַמעריקע

אויב איז נישט גענוג די פּראָבלעמען וואָס מ'האָט פון איזראַעל, קומען נאָך די **אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע און לייגן צו אויל צום פייער, דורך נאָך האָבן די חוצפה צו באַשולדיגן די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע אין די פּראָבלעמען.**

די אָ.יו. – אָרטאָדאָקס יוניאָן, וועלכע ווערט געזען אַלס פאַרטרעטער פונעם אָרטאָדאָקסישן אידענטום – האָט אַרויסגעלייגט אַ סטעיטמענט אין וועלכע זי בעט די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע "צוריקצוציען די אַנגעצויגנקייטן." אַנשטאָט פאָרהאַלטן זייערע פאַרבינדעטע אין איזראַעל פאַר זיך אויפפירן אוממענטשליך און פאַרקערט ווי די כללי הדיפּלאָמאַטיע, באַשולדיגן זיי די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע אַז זייערע סטעיטמענטס "האָבן דערקייקעלט די אַנגעצויגנקייטן צווישן די צוויי רעגירונגען, וואָס די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע מוז צוריקקייקלען."

די גרופּע שרייבט אַז איזראַעל'ס שריט דורכאויס און נאָך דעם ביידען וויזיט, באַרעכטיגט נישט די אַדמיניסטראַציע'ס פילע עפנטליכע סטעיטמענטס. עס גלייבט זיך נישט אַז אַנשטאָט פּרובירן צו פאַרענטפערן, אַנטשולדיגן, האָבן זיי נאָך אַזאַ חוצפה, ווי גאָר צו וואַרפן דעם גאַנצן שולד אויף וואַשינגטאָן, אָן קיין איין וואָרט קעגן די ווילדע אויפפירונגען פון די איזראַעליס.

נאָך אַ שאַרפערע סטעיטמענט איז געקומען פון יאַנג איזראַעל, אויך אַן אָרטאָדאָקסישע גרופּע, און וועלכע זיי פאַרדאַמען גאָר פּרעזידענט ביידען פאַר זיך נישט לאָזן שפּייען אין פּנים. "ווי אַזוי קען אַ וויצע פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן מוטיגן אַ פּאָליסי צו באַגרעניצן די רעכטן פאַר אידן צו בויען הייזער אין ירושלים?" ווייטער קריטיקירן זיי אים זעלטן שאַרף פאַר אַריינרעדן קעגן איזראַעל'ס "ערלויבן אידן צו בויען הייזער אין ירושלים, זייער לאַנד'ס הויפּט-שטאָט."

דאָס אַלעס ציגט פאַר די וועלט אַז דער אַלוועלטליכער אָרטאָדאָקסישער אידענטום שטיצט די האַרטסטע ליניע, און איז אויסגעשפּראָכן מיט איר שטיצע צו איזראַעל'ס כפוי טובה'דיגע שריט, טראָץ די אַלע געלטער און מיליטערישע הילף וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן שיקט קיין איזראַעל, און טראָץ וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן רייסט זיך איין מיט די גאַנצע וועלט צוליב איר בלינדע שטיצע פאַר איזראַעל. דאָס אַלעס ווערט געטאָן אין נאָמען פון קדושת ירושלים, און אַז זי איז די שטאָט פונעם אידישן פאָלק.

## אולטראַ אָרטאָדאָקסן אין צענטער פון אַ רייע שטרייטן

אין די לעצטע חדשים זענען די מקומות הקדושים און רעליגיעזע אידן געוואָרן די הויפּט סיבות וועלכע פאַרשאַרפן דעם קאָנפליקט צווישן די איזראַעליס און די אַראַבער – עס געדענקט זיך נישט נאָך אַמאָל ווען אַזויפיל פּראָבלעמען און שטערונגען צום שלום זאָלן זיך דרייען אַרום רעליגיעזע ערטער און פרומע אידן. דאָס גיט ווידער אַמאָל אַ שטאַרק רעליגיעזע צורה צו די מיטל מזרח רייבערייען, און תורה-טרייע אידן ווערן געזען אַלס די וואָס זענען שולדיג אין די פּראָבלעמען.

עס איז שוין אַ שטיק צייט וואָס עס גייט אָן אַ שטרייט אין די שייך דזשאַראַ געגנט, אַן אַראַבישער קוואַרטאַל אין מזרח ירושלים וואו עס געפינט זיך דער

קבר פון שמעון הצדיק. געוויסע אידן האָבן געקעמפט פאַר די אייגענטומערשאַפט פון אַ הויז דאָרט, און האָבן געווינען אין די איזראַעלישע געריכטן אַרויסצוואַרפן די אַראַבישע משפחה און איבערנעמען דעם הויז.

זינט דאַן ברעכן כסדר אויס געשלעגן ביי דעם הויז. דעם פורים איז אויך אויסגעבראָכן געשלעגן, פון וואָס עטליכע אַראַבער זענען פאַראוואונדעט געוואָרן. דער שטרייט קען זיך נאָך אין טאָג חלילה אויסלאָזן מיט גאָר ביטערע פאָלגן. אויך קען עס ברענגען אַ סכנה פאַר די אַלע וואָס קומען דאָרט מתפלל זיין ביים ציון.

דורכאויס די לעצטע חדשים איז אָפט ערשינען אין די פרעסע בילדער פון די געשלעגן, אַריינגערעכנט אַ לאַנגער אַרטיקל אין ניו יאָרק טיימס וועלכע האָט עס באַצייכנט אַלס די קומענדיגע זאַך וואָס קען אויפרייסן דעם מיטל מזרח. איבעראַל זעט מען דאָרט אידן מיט קאָפּלעך, לאַנגע בערד, און עס ווערט אונטערגעשטראָכן אַז דאָס זענען אולטראַ-אָרטאָדאָקסן.

פאַריגן חודש איז די אַראַבישע וועלט און אַלוועלטליכע קערפערשאַפט אויך זייער אויפגעבערויזט געוואָרן ווען איזראַעל האָט דערקלערט אַז זיי וועלן איבערפירישן די מערת המכפילה און קבר רחל, און עס דערקלערן אַלס איזראַעלישע לענדמאַרק. די פּאַלעסטינער און מוסלעמענער לענדער האָבן עס אויסגעטייטשט ווי אַ מיטל צו פאַרשטערקערן דעם איזראַעלישן קאָנטראָל אויף די ערטער, וואָס די אַראַבער פאַרהייליגן אויך.

די פּלענער זענען פאַרדאַמט געוואָרן דורך די אַרומיגע אַראַבישע לענדער אַלס פּראָוואָקאַציע, און דער פּאַלעסטינער טשערמאַן מאַכמוד אַבאַס האָט געדראָעט אַז דאָס וועט פאַראורזאַכן אַ שמייליגע קריג. אויך די יו.ען. און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע קערפערשאַפטן האָבן גערופן און געוואָרענט איזראַעל צוריקצוציען די לענדמאַרקינג פּלענער, וועלכע קענען ברענגען געוואַלדטאַטן.

**...דאָס מאָל איז עס פיל מער פערזענליך, ווי פּאָליטיש. ביז היינט, אפילו ווען מ'האָט געהאַט אַ שטרייט, איז עס געווען צוליב פּאָליטישע זאַכן, אָבער ווען די באַליידיגונגען ווערן פערזענליך און מ'צייגט אַרויס דיפּלאָמאַטישע גרינגשעצונגען, גייט עס פיל מער אַריין אין די ביינער...**

די וואָס קעמפן און ווערן געזען ביי די ערטער, זענען זעלבסט-פאַרשטענדליך מערסטנס אידן מיט אַ פרומען טראַכט. דער פאַקט אַז רעליגיעזע אידן דאָמינירן אַלע נייע פּראָבלעמען און שטרייט צווישן איזראַעל און די אַראַבישע וועלט, ברענגט זייער אַ נעגאַטיוון אימעדזש אויפן ערליכן אידענטום.

אין אַ דריטל פאַל, האָט איזראַעל די וואָך אָפּגעהאַלטן אַ חנוכת הבית פאַר די איבערגעבויטע געביידע אויפן אָרט פון די חורבת ר' יהודה החסיד שול. די פייערליכע באַנייאונג פון די געביידע- וואָס דערביי האָט מען ווידער געזען אויף די בילדער פרומע אידן - האָט ווידער אַמאָל אָנגערירט אַ האַקעלן נערוו, וויבאַלד עס געפונט זיך אין אַלט שטאָט, און אַ צייט ווען די וועלט שטורעמט מיט איזראַעל'ס מעלדן נייע בוי-פּלענער אין מזרח ירושלים.

אין די פּאַלעסטינער און אַראַבישע גאַס האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען אַז די אַלע באַנייטע אַקטיוויטעטן אין די מקומות הקדושים, זענען אַ טייל פון אַ פּלאַן אויך צו צונעמען די הר הבית, וואָס אַ טייל דערפון איז דער אָרט פון די אַל-אַקצאַ מעטשעט. דאָס האָט געברענגט צו רופן אַז מוסלעמענער זאָלן קומען פאַרטיידיגן דעם הר הבית, און עס האָט אויך געפירט צו שטיינער וואַרפערייען אַרום די שטאָט.

אויך האָט קעניג אַבדולאַ פון ירדן אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען צוריק צו באַקומען אַלט שטאָט ירושלים, וועלכע האָט געהערט צו זיין רעגירונג איידער די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, צוליב די פאַראַדאַכטן אַז איזראַעל וויל פאַרכאַפּן דעם הר הבית.

# לא עת לחשות - מיר טאָרן נישט שווייגן

די אַלע געשעענישן, שמעקן זייער ענליך צו די טעג איידער די צווייטע אינטיפאַדאַ האָט אויסגעבראָכן, און אין אַ געוויסן זין איז עס איצט נאָך ערגער, וויבאַלד די אַמעריקאַנער זענען איצט באַליידיגט ווי זיי זענען נישט געווען לאַנגע יאָרן. דאָס מאָל איז עס פיל מער פערזענליך, ווי פּאָליטיש. ביז היינט, אפילו ווען מ'האָט געהאַט אַ שטרייט, איז עס געווען צוליב פּאָליטישע זאַכן, אָבער ווען די באַליידיגונגען ווערן פערזענליך און מ'צייגט אַרויס דיפּלאָמאַטישע גרינגשעצונגען, גייט עס פיל מער אַריין אין די ביינער.

ליידער, ווי געזאָגט פּאַסירן די רייבערייען מיט די אַראַבער, און התגרות באומות און קעגן די אַמעריקאַנער רעגירונג, אויף די קאַנטע פונעם יהדות החרדית, און עס ברענגט זייער אַ שוואַרצן פּנים אויף ערליכע אידן, און אַ חילול ה' אַז דאָס אַלעס איז חלילה בשם התורה. ותוצאותיו מי ישורנה. די שרעקליכע האַס וואָס עס ברענגט אויף פרומע אידן, און נעגאַטיוון בילד וואָס יעדער איד באַקומט, איז אַ גורם אַ געוואַלדיגער חילול ה', און קען ברענגען גאָר ווייטאָגליכע פאָלגען חלילה.

אין אַזאַ אָנגעצויגענע צייט, וואָס מ'האָט שוין נישט געזען לאַנגע יאָרן, איז ברור כשמש אַז מיר מוזן אָנווענדן כל מה שביכלתינו און מען מוז נעמען דראַסטישע שריט – ווי רבינו הקוה"ט זי"ע האָט געזאָגט אַ מ'וואָלט זיך געדאַרפט מוסר נפש זיין דערויף – צו לאָזן הערן פאַר די אומות והשרים די ריכטיגע שטעלונג פון תורה-טרייע אידן, און זיך אָפּטרייסלען פון די אַלע שענדליכע מעשים און רייצונגען וואָס ווערט געטאָן בשם ערליכע אידן.

**נטורונא פּלאַנט טאַקע אין די טעג אַ פאַרצווייגטער קאַמפּיין – וואָס איז פאַרשטענדליך זייער קאָסטבאַר – באַגלייט מיט פּרעס רעליעסעס, ראַדיאָ אַנאָנסן, און מעגליך אויך צייטונג רעקלאַמעס, מודיע צו זיין אַז ערליכע אידן זענען קעגן די אַלע רייצונגען, און דאָס רעפּרעזענטירט נישט די שטעלונג פון די תורה און רצון פון ערליכע אידן.**

ערליכע אידן, תלמידי רבינו הק' זי"ע, קענען געוויס נישט שטיין אין אַ זייט אין אַזאַ שווערן זמן, און וועלן אַרויסהעלפן אַז די אונטערנעמונג זאָלן קענען דורכגעפירט ווערן. די עסקנים וואַרפן זיך אַריין אין די שווערע אַרבעט, וויסנדיג אַז דער ציבור וועט אַרויסהעלפן צו קענען דורכפירן די קאַמפּיין, וואָס אַלעס איז געווענדן לויט די פינאַנציעלע שטיצע וואָס וועט צוגעשטעלט ווערן דערפאַר. און ווי פאַרצווייגטער דער קאַמפּיין וועט זיין, וועט עס געוויס האָבן אַ גרעסערע השפעה, אויפצוקלערן די אומות העולם און צו דערגרייכן צו די העכסטע רעגירונג שטאַפּלען אין וואַשינגטאָן מיט'ן מעסעדזש אַז אָט די אַלע רייצונגען רעפּרעזענטירן נישט דעם ווילן פון תורה-טרייע אידן.

**די אידן מבקשי אמת ואמונה וואס ווילן האבן א חלק אין אזא מצוה רבה ונשגבה, פון מסיר זיין חרון אף מישראל, קענען איבער געבן נדבת לבם הטוב פאר די חברי הנהלה ועסקני נטורונא, אדער ביטע רופן:**

718 841 7053 ext #1

אין די טעג פון בעפאַר פסח, וואָס איז דער יסוד פון די אמונה און מיר זענען מתפלל לשנה הבאה בירושלים, איז די פּאַסיגע צייט – טראָץ די אַלע טירדות און הוצאות – אָפּצושרייען דעם חילול ה', און אַזוי אַרום העלפן מקרב זיין גאולתינו ופדות נפשינו, אכי"ר.

Design by: C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945